o Bibleteki
Jagielon
pretmny!

„Radomer-Kielcer Leben" 14 (764) — Opłata pocztowa — uiszczona ryczałtem. XVI-טער יאָהרגאַנג פּרייז 15 גראָשען

ראַדאָמער-קעלצער לעבּן

Radom, dnia 9 kwietnia 1939
ראַדאָם, זונטאָג כ. ניסן תרצ"ט
טעלעפאָן פון רעדאַקציע 15 - 18

אָבּטיילונג פאַר אָסטראָוויעץ אָפּאַטאָוו, וויערשזבּניק
אין סביבה

אָבּטיילונג פאַר קעלץ

ווילס איהר זיך בּעפרייען פון דער פליגען,
טאָ נוצט נאָר דאָס ווירקזאַמסטע
פליגען-פּאַפּיר
פון די בּערימטע פירמע **„בּענגאַל"** אין לובּלין
וועלכע איז בּעשאָנקען געוואָרען מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל אויף דער פּאַריזער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג פאַר איהר בּעסטער קוואַליטעט און גוטער אויסאַרבּייטונג.

פערטרעטער אויף דער קעלצער וואָיעוואָדסטוואָ זענען:
יצחק ניימאַן און **נחום פרידמאַן**
אין ראַדאָם.

Jubileuszowy Bazar Palestyński
w Radomiu.
We Wtorek dnia 11 kwietnia 1939 r. o godzinie 9 wieczorem odbędzie się w salach teatru „ROZMAITOŚCI"
Uroczyste otwarcie
JUBILEUSZOWEGO BAZARU PALESTYNSKIEGO (1929 1939)
z udziałem **D-ra M. KLAJNBAUMA**
Po otwarciu bal p. n. »Kromka chleba«
We środę dnia 12|4 39 r. o godz. 8 ej Występ: Artystyczny Organizacyj młodzieżowych: Masada, Akiba, Haszomer-Hacair, Młode-Wizo.

יובל-בּאַזאַר אין ראַדאָם
דינסטאָג דעם 11/IV, 9 אָוונט
קומט פאָר אין די זאַלען פון טעאַטער „ראָזמאַיטאָשצי"
די פייערליכע דערעפענונג פון א"י-דיגן יובל-בּאַזאַר
מיט'ן אָנטייל פון **ד"ר משה קליינבּוים**
נאָך דער ערעפענונג אַ בּאַל א.נ. «פת-לחם»
מיטוואָך דעם 12-טען — 8 אָוונט קומט דער אַרטיסטישער אויפטריט פון די יונגנד-אָרג: מסדה, עקיבא, השומר-הצעיר, און יונג-וויזאָ.

Bank Udziałowy Spółdzielczy
Żeromskiego 9
przyjmuje zapisy na
5% Pożyczkę i 3% Bony Obrony Przeciwlotniczej
Biuro czynne przez cały dzień

צוליבּ'ן טויט פון אונזער מחותן
מרדכי סאָבּעלמאַן נ. ע.
דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
פאַמיליע ווערבּער.

באַנק ספּולדזשעלטשי פּאָזשיטשקאָווא וויטאָלדאַ 2
(ציוניסטישע בּאַנק)
נעמט אָן
די סובּסקריפּציע פון די 5% הלוואה פאַר פליה פערטיידיגונג און אויך די 3% בּאָנעס
די בּיוראָ איז טעטיג א גאַנצען טאָג.
די בּאַנק האָט בּעקומען די רעכט אָנצונעמען די רעגירונג סובּסקריפּציעס און בּעט אַלע יודישע בּירגער פון ראַדאָם זיי זאָלן צייכנען די הלוואה אין די **באַנק ספּולדזשעלטשי פּאָזשיטשקאָווא** אויף **וויטאָלדא 2**

אין דער לאַנג-עקזיסטירענדער פירמע
ר. קופּערמאַן רינעק 14
בּעקומט מען **סענדערס זילבּערס**
יום-טובּ'דיגען 96-שפּירט
אויך פערשידענע גוטע געשמאַקע ווײַנען כשר לחג הפסח
פון דער בּעוויסטער לאָדזשער יודישער פירמע **ה. ליבּערמאַן**
און פון אַנדערע פירמעס און אויך וויין פון ארץ-ישראל
די וויינע; זענען פערזעהן מים הכשרים פון רבנים
בּיליגע פּרייזען קומט און איבּערצייגט אייך

Koleżance
Poli
z intencji zaręczyn
serdecznie gratuluje
Benjamin

Dobra gospodyni kupuje żarówki PHILIPSA tylko
w firmie **Felzenszwalbe** Wałowa 2

אַכטונג הויזווירטען!
אַלערליי סאָרטען
אייזען, בּעלקעס,
קאַלך, גיפּס, צעמענט
און אַנדערע בּוי-מאַטעריאַלען
צו בּאַקומען אין דער לאַנג-יאָריקער סאָלידער פירמע
א. מרגליות
ראַדאָם, סטרוגאַ 6 — טעלעפאָן 15-13
„ זשעראָמסקי 118 — „ 15-12

SZKOŁA
Kierowców Samochodowych
Sławomira Supronowicza
Radom, Koszarowa 13
uczy tanio i solidnie.

בּילדער אויסשטעלונג

אין פריערדיגען נומער פון אונזער צייטונג האָבּן מיר געגעבּן אַ נאָטיץ וועגען דער בּילדער-אויסשטעלונג פונם יונגען קונסט-מאָלער, רפאל מאַנדעלצווייג.

איצט גיבּען מיר צו, אַז די פערוואַלטונג פון געזעלשאַפטליכען קלובּ (שיענקעוויטשאַ 4) האָט בּאַשלאָסען צו מאַכן אַ פרייען אַיינטריט פאַר נישט-מיטגלידער אין די שעה'ען פון 2 בּיז 6, כדי צו געבּען אַזוי אַרום אַ מעגליכקייט די בּרייטע מאַסן צו בּאַזוכען די אויסשטעלונג.

קאָמוניקאַט

פון דער קולטור-קאָמיסיע בּיי דער ציונ. אָרג. אין ראַדאָם זשעראָמסקי 25.

מאָנטאַג, שביעי של פסח, 4 אַ זייגער נ. מ. קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל אַ רעפעראַט פון ח' אדוו. אַבּרהם סאָלבּע מיטגליד פון צ. ק. פון דער ציונ. אָרג. אין פוילען. א. ד. ט.: „די פּאָליטישע א"י-לאַגע אין אנבּליק פון די לעצטע אַלגעמיינע פּאָליטישע געשעהענישען". איינגאַנג פריי!

ווילט איהר האָבּען קלאָרע, זויבּערע וועש, נײַע גאַרדעראָבּעס, שנײַ-ווײַסע פאָרהאַנגען,
גיעט נאָר צו וואַשען און פאַרבּען אין דער בּעקאַנטער
כעמישער פאַרבּערײַ און פּראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע
A. Hempel
Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje Zeromskiego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11
ווער ס'האָט זיך ניט איבּערצייגט זאָל פּרובּן און וועט זיין ענטציקט פון דער שענער, עקסטעטישער און פאַכמענישער אַרבּייט. ס'ווערט אויך געוואַשען אויף טריקען — בּיליגע פּרייזען! — פּינקטליכע אויספיהרונג סאָלידע בּעהאַנדלונג קומט און איבּערצייגט אייך
צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפּיצ. טעל 19-70
פיליעס: זשעראָמסקי 1 טראַוגוטטאַ 11
זשעראָמסקי 21, זשעראָמסקי 59
בּיליג צו וואַשען קאַפּעלושען

אילוסטרירטע בײלאַגע

צום „ראַדאָמער־קעלצער לעבען"

נומ. 13 (763)

ראַדאָם, דעם 3 אַפּריל 1939 Radom, dn. 8 kwietnia

פּראַנט־מויער פון יודישען שפּיטאָל



דער רענטגען־אַפּאַראַט, וואָס איז געשאַנקען געוואָרען
פון די ראַדאָמער לאַנדסלייט אין אַמעריקא

זאַהל נומ. 1 פון דער כירורגישער אָפּט. פאַר מענער
א. נ. פון ר׳ סאַנע בעקערמאַן ז״ל



אַן אויפנאַהמע לכבוד דעם ראַדאָמער לאַנדסמאַן פון אַמעריקא, ה׳ משה ראַדאַמסקי אין „טאַז" צוזאַמען מיט דער „טאַז"־פערוואַלטונג און פערבעטענע געסט.

עס זיצען פון לינקס אויף רעכטס: ד״ר גאָלדבלום ד״ר קעלערווורם, אדוו. שטילער, משה ראַדאַמסקי, משה רובינשטיין, פרוי לאַסטמאַן און משה בלומאַן.

עס שטעהען פון לינק׳ס אויף רעכטס: ישראל זעגמאַן, רעד. מ. הערץ, פר״ל גאַלדפאַרב, צאָהן־דאָקטאָר אנשער, סט. קוראַווער, צאָהן־דאָקטאָר פריידאַס, ד״ר וויטעלס, מ. באַרמייסטער, סעקר. י. קופּפערבלום און ג. וואַקשלאַג.

ה. לייוויק

צום 50 יעהריגען יובל פון זיין געבורטסטאָג

שלום-עליכם

צום 80 טען געבורטסטאָג

י. ל. פרץ

צו דער 24-סטער יאָהרצייט

גבריאל ווייסמאַן

בעקומען דאס היינטיגע יאָר א ליטעראַטור פּרעמיע פון דער ראַדאָמער קהלה

מאיר הערץ

צום אַרויסגעבען בקרוב זיינע צוויי ווערק: „פאָלקס-מעשיות" און „חסידים"

משה בראָדערזאָהן

בעקאַנטער דיכטער און שעפער פון קליין־קונסט טעאַטער. נאָר וואָס דערשינען זיין בוך „יי" (וד)

י. אָבערזשאַנעק

דער באַליבטער הומאָריסט און פעליעטאָניסט – צום דערשיינען פון זיין בוך „נאַדיר און וויין נישט"

מ. טייכמאַן

אונזער בן-עיר מ. טייכמאַן, רעדאַקטאָר פון „קינדערפריינד", מחבר פון „מיין ביכל" און פון „מענטשען און יאָהרען".

פרץ בושאַצקי

צו דער ערשטער יאָהרצייט פון אונזער מיטאַרבעטער

ארנאָלד ראָזענפעלד

עלטסטער בעריכט'ס-געבער פון געריכט
פאַר דער ראדאמער פרעסע

דאָס דאָזיגע בילד פון מארשאל **יוזעף פילסודסקי** איז קינסטלעריש אויסגעפּערטיקט פון געוואנט און שפּילקעס דורך יצחק אורבינדער פון ראדאם.

י. ב. שטריימאַן

מחבר פון לידע־בוך: „הארבסט ליידען"

ביים **סדר = טיש**
איז א מצווה צו טרינקען
4 כוסות וויין, אין א גלעזעל
טהיי מיט'ן גלאק
בעלל = טהיי
איז סתם אַ פערגנוגען, אַנ'עונג יום־טוב

די פערוואַלטונג פון „לינת-הצדק" אין ראדאם. עס זיצען פון רעכטס: צאָן-דאָקטאָר פריידאס, פרוי לאסטמאַן, ירמיה גאָלדשטיין, צאָן-דאָקטאר אַנשער און שפּערבער. אין דער מיט — דער סעקרעטאַר, משה ליטוואק

צום קומען קיין פוילען פון אונזער בן עיר, דעם פידעל-ווירטואָז **שמעון באַקמאַן** אויף א קאָנצערט פארן היגען „טאז".

די ארעמע שלמה'לעך און משה לעך עסען מיט אַפּעטיט פון דער „טאָז" - קיך.

קונסט-בילדער פון ווארשעווער יובל-סאלאן — 1939

פעליקס פרידמאַן — „ווייסע רויזען"
אויסגעצייכענט אַלס ערשטער פּריז אויפן יובל סאַלאָן
פון פעראיין פון יודישע קינסטלער פּלאַסטיקער

פעליקס פרידמאַן — „הויף-זינגער"

לינקס:
בן-ציון
צוקערמאַן
— פּייזאַזש
אויסגעצייכענט
אויפן יובל-סאַלאָן

פעליקס פרידמאַן – שטיל לעבען



דאָס הויז אין ראַדאָם פון ראָג מאַלא און ראָג וואַהעל וואו עס איז—לויט דער לעגענדע — איינגעשטאַנען ר׳ ישראל בעל שם-טוב.

לויט דער זעלבער לעגענדע האָט דער בעש״ט געזאָלט איבערלאָזען א ברכה, אַז אין דעם הויז זאָל קיינמאָהל נישט פּאַרקומען קיין שׂרפה.

דאָס פענסטער מיט׳ן צייכען X איז פון דער שטוב וואו ס׳האָט געוואוינט דער בעש״ט.

די טעטיגקייט פון «חינוך = ילדים».

שוין זינט לאנגע יאהרען עגזיסטירט אין ראדאם אנ'אכראנקע פאר ארימע קינדער א. נ. „חינוך-ילדים“.

ביים היינטיגען טאג ווערען אין דערמאנטען אנשטאלט ערצויגען 70 יודישע קינדער, מיידלעך, פון זעהר ארימע שטיבער. די קינדער געפונען אין אנשטאלט א ווארימע היים. זיי ווערען געשפייזט, געקליידט און בעקומען ערציהונג און בילדונג. צווישען די קינדער געפונען זיך אויך יתומים.

דער אנשטאלט „חינוך-ילדים“ איז ספעציעל געשאפען געווארען פאר יענע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג וואס קענען זיך מיט דער ערציהונג פון זייערע קינדער נישט אבגעבען. די קינדער קומען פון אזעלכע היימען, וואו טאטע - מאמע, ארבייטער און ארימע הענדלערינ'ס, זענען פעריאגט, הארעווען שווער אויף זייער שטיקעל טריקען ברויט און זעהען נישט די קינדער גאנצע טעג.

די קינדער בעקומען א אלגעמיינע און יודישע ערציהונג — דורך א ספעציעלען לעהרער און געשולטען פערסאנאל. טאג-טעגליך קומען אראפ צוויי פרויען פון פערוואלטונג, בכדי צו זעהן צי אלץ איז אין ארדנונג; און צי דאס עסען איז געשמאק.

אזוי ווי אויפהאלטען אזא אינסטיטוציע איז פערבונדען מיט א גרויסען בודזשעט, ווענדען מיר זיך צו דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג פון ראדאם און צו אונזערע ברידער אין אמעריקא בפרט — צו געדענקען און שטיצען מיט א ברייטער האנד אונזער אזוי וויכטיגע אינסטיטוציע וואס בעשפייזט, בעקליידט און ערציהט איבער 70 יודישע ארימע קינדערלעך.

די פערוואלטונג פון חינוך - ילדים

פון רעכטס אויף לינקס זיצען די פרויען: כוואט, בראניע טענענבוים, (קאסירערין) גאלדבלום דאקסאראווא קאדישעוויטש (פרעזעסין) מ. לאסטמאן, דען.

עס שטעהען פון רעכטס אויף לינקס די פרויען: דאקסאראווא שענדעראוויטש, (סעקרעטארין) מ. האמערשטיין, לעווין, שטעלמאן, לעווי, שטילער, סערצאזש.

די ערשטע טעג יום טוב אין ראדאם

שענע געזעלשאפטליכע סדרים — אין שוהל האט מען אבגעראווענט שוין באלד ווי ראש-השנה צוליב די אנגענעמע תפילות פון חזן ראנטאל מיט'ן כאר

אין ראדאם האבען מיר היי-יאהר געהאט 4 געזעלשאפטליכע סדרים: אין יודישען שפיטאל, אין בית-יתומים און מושב זקנים, ביי די יודישע זעלנער און ביים קיבוץ „בחזית“.

אלע סדרים, הגם זיי האבען געטראגען איין און דעם זעלבען טראדיציאנעלען כאראקטער און זענען געארדענט געווארען לויט אנ'עהנליכען ריטועלען צערעמאניאל — האבען זיך פונדעסטוועגען אונטערשיידט אין א געוויסען זין איינער פון צווייטען אין דער הינזיכט פון אטמאספער און סביבה.

אין שפיטאל זענען חוץ די דאקטוירים, געקומען אויך געסט פון שטאדט. אין גרויסען זאהל פון די מענער-קראנקע איז סערווירט א פרעכטיגער סדר-טיש, ארום וועלכען ס'זיצען די קראנקע אויסגעמישט מיט די דאקטוירים און געסט. אין שפיטאל איז א יום טוב'דיקע שטימונג. ציכטיג און זויבער אין יעדען ווינקעלע. מען שפיגעלט זיך אין שענקייט. שעהן און זויבער איז שטענדיג אין שפיטאל. אבער גראד דוכט זיך אז צוליב יום-טוב, איז נאך שענער. אדער ס'דוכט זיך גארנישט, נאר ס'איז ווירקליך אזוי. מ'פיהלט באמת א דערהויבענקייט, דעם רייץ פון פאטריארכאלישען יום-טוב, וואס איז צו פערדאנקען דעם פערסאנאל און דעם אינטענדענט, וועלכע האבען ארויסגעוויזען גרויס פלייס, אז דער פריהלינגס יום-טוב פסח זאל זיך בעזונדערס ארויסזעהן אין יודישען שפיטאל.

פארן סדר געהט דער עולם אריין אין דעם שענעם בית-מדרש'ל, וואס געפינט זיך אין שפיטאל - הויף. מען דאווענט מעריב (אויך די דאקטוירים זאגען א פאר יודישע ווערטער) און מ'געהט צוריק אין שפיטאל אבריכטען דעם סדר. איידער די קראנקע מאכען קידוש, רעדען די ה"ה ד"ר קליינבערגער און מ. דען, וועלכע דערמאנען צום שבח אלע די, וואס האבען געהאלפען אויפריכטען דעם שפיטאל און געגעבען די מעגליכקייט, אז מ'זאל קענען דא זיצען מיט די יודישע קראנקע און פראווען מיט זיי געמיטליך א סדר אין אזא יודישליכע סביבה.

די רעדנער דאנקען בעזונדערס די ראדאמער לאנדסלייט אין אמעריקא פאר זייער אפפערוויליקייט, וואס זיי ווייזען ארויס פארן יודישען שפיטאל.

אין נאמען פון ראדאמער רעליעף אין אמעריקא האבען די פרויען האכמאן און פראמניצקא געטיילט די קראנקע פאמעראנצען, וויין און לעקעך.

אויך די סדרים אין בית-יתומים און מושב-זקנים זענען געווען פייערליכע. ס'איז געווען א נחת צו הערען ווי קליינע קינדערלעך האבען אין דריי שפראכען: יודיש, פויליש, העברעאיש, ארומגערעדט די בעדייטונג פון פסח. מ'זעהט בעשיינפערלעך, אז דער ערציהונג'ס-וועזען אין בית-יתומים האט געמאכט גרויסע פארטשריט אויפ'ן נאציאנאלען געביעט. דאס איז א דאנק דעם נייעם אנגאזשירטען לייטער הרב ד"ר הורוויטש, וועלכער האט פשוט פערטריבען פון דארט דעם אסימילאציע-גייסט, וואס ס'האט דארט געהערשט.

ד"ר הורוויטש האט די ערשטע נאכט יום-טוב געהאלטען אנ'אינטערעסאנטען פארטראג אזוי פאר די קינדער און אזוי פאר די געסט. די צווייטע נאכט האט ער גערעדט א פאר ערנסטע ווערטער וועגען דער בעציהונג פון דער שטאדט צו דעם אזוי וויכטיגען אנשטאלט, וואס איז כדאי מ'זאל עס פערעפענטליכען. מיר וועלען דאס טהון האפענטליך א צווייט מאהל.

אין „ארט“ איז איינגעארדענט געווארען דער ערשטער סדר פאר די יודישע זעלנער. דער סדר-צערעמאניאל איז אדורך גאר אימפאזאנט. הונדערט יודישע זעלנער זיצען ביי פיין-געדעקטע טישען, מען דערלאנגט פון כל-טוב. און די יודישע קאמבאטאנטען זענען דא די הויפט-מחותנים, וואס בעדינען די יודישע זעלנער מיט ברודערליכע איבערגעגעבענהייט.

אויבען-אן זיצען הרב קעסטענבערג און דער נייער גמינע-פרעזעס ה' זילבערבערג (א רמז אויף משיח'ס צייטן...) און נעבען זיי דער מאיאר וויערזשבאווסקי, וועלכער ווינשט די יודישע זעלנער אין נאמען פון דאוואודסטווא פון פולק, א פרעהליכען יום טוב און פערענדיגט זיין טאאסט מיט'ן אויסרוף: זאל לעבען אונזער זעלנער פון יעדער גלויבען און נאציאן!

צוויי פאטריאטישע רעדעס האבען געהאלטען הרב קעסטענבערג און ד"ר לעווי.

• • •

חזן ראנטאל האט זעהר שעהן געדאווענט ביידע טעג יום-טוב. ער האט זיך אויסגעצייכענט אזוי מיט'ן זינגען און אזוי מיט'ן „זאגען“. דער עולם מתפללים האט מיט פערגעניגען אויסגעהערט די תפילות, נישט מיעד-ווערענדיג צו שטעהן אין שוהל ביז האלב צוויי א זייגער.

דער כאר אונטער דער לייטונג פון סיראן יאפע האט גאר נישט-קשה'דיק אויסגעפיהרט זיינע איינשטודירטע קאמפאזיציעס און ווירקליך פערשאפען דעם עולם אנ'עונג יום-טוב.

דעם צווייטען טאג יום-טוב האט הרב קעסטענבערג געהאלטען אין שוהל א לענגערע דרשה מעניגא דיומא און דערביי זיך בעזונדערס אבגעשטעלט אויף דער וויכטיגקייט פון דער מלוכה-הלוואה, רופענדיק צו א מאסען-אנטייל פון דער יודישער בעפעלקערונג.

שמעון באקמאן צוזאמען מיט ארטורא טאסקאניני און ברונא וואלטער

די יודיש-מוזיקאלישע וועלט — איבערהויפט אונזער שטאט ראדאם — האט מיט גרויס פרייד אויפגענומען די ידיעה, אז אונזער בן - עיר, שמעון באקמאן, דער בערימטער פידעל-ווירטואז איז איינגעלאדען געווארען קיין לוצערן (שווייץ) אויף א פעסטיוואל. וואו ער וועט ארויסטרעטען צוזאמען מיטן וועלט-בארימטען טאסקאניני און ברונא וואלטער.

א זייער אנגענעמער סיורפריז וועט זיין פאר אונזער שטאט די ידיעה, אז שמעון באקמאן נוצט אויס די דאזיגע געלעגענהייט און קומט צו אונז קיין ראדאם אויף א פייערליכען קאנצערט, וואס ער וועט געבען פארן היגען „טאז“. שבת דעם 29 אפריל ה. י.

ביי דער געלעגענהייט איז כדאי צוצוגעבען, אז אויפן זעלבען קאנצערט וועט אויך ארויסטרעטען שמעון באקמאנס ברודער, איזאאק, דער באקאנטער וויאלענטשעליסט, וועלכער האט דאס היינטיגע יאהר בעקומען א סטיפענדיע פון פוילישען בילדונגס-מיניסטעריום.

דער דאזיגער קאנצערט זאגט זייער א סך צו.

פון רעדאקציע

צוליב די יום - טוב טעג דערשיינט אונזער צייטונג נאר אין 4 זייטען.

ווי אזוי איז פערטיילט געווארען

די 800 דאלאר פון פעראייניגטען ראדאמער רעליעף אין ניו - יארק.

ערב יום-טוב האבען דערהאלטען די ה"ה מ. רובינשטיין און סט. קוראווער 800 דאלאר פון פעראייניגטען ראדאמער רעליעף אין ניו-יארק. לויט דער אנווייזונג פון דערמאנטען רעליעף איז דאס געלד פערטיילט געווארען אויף פאלגענדען אופן:

פאר פילאנטראפישע אינסטיטוציעס 250 דאלאר און 550 דאלאר אויף א פסח - אקציע.

לויט דעם אויסדריקליכען פערלאנג פון רעליעף האבען מיט דער פסח אקציע אנגעפיהרט די ה"ה קוראווער, פוקס און די פרויען מאטיל האכמאן און רחל'ע פראמניצקא זיי איז געגעבען געווארען פולמאכטען פון ראדאמער רעליעף אין ניו-יארק צו ערטיילען געלד-שטיצע אויף פסח לויט זייער איינזעהן.

כדי צו געבען דער אקציע אויך א געזעלשאפטליכען כאראקטער האט דער קאמיטעט פון 4 זיך געווענדעט צו ביידע האנדווערקער-ארגאניזאציעס פון רוויינסקא 1 און וויטאלדא 10 און צום פרעזעס פון דער עזרה ה' משה לעסלאו אז יעדער פון זיי זאל צושטעלען א רשימה פון 25 מענשען, וועלכע נויטיגען זיך אין פסח-שטיצע. די אינסטיטוציעס האבען פאקטיש צוגעשיקט רשימות פון 75 בכבוד'יגע מענשען. דער ה' מאנדעל פון דער גליניצע האט צוגעשיקט א רשימה פון 18 בכבוד'יגע מענשען פון יענעם ראיאן. אלע צוזאמען איז געווען 93 פערזאהן, וועלכע עס איז אויסגעצאהלט געווארן 922.50 (175 דאלאר). אויף די איבערגעבליבענע 375 דאלאר האט דער קאמיטעט פון 4 אליין אדורכגעפיהרט א רעגיסטראציע פון נויטבעדערפטיגע, בכבוד'יגע מענשען, וועלכע עס איז אויסגעצאהלט געווארען אין זלאטעס פארשידענע סומעס.

אויף דעם ווינש פון אמעריקא האט דער קאמיטעט פון 4 געקויפט וויין, פאמעראנצען, לעקעך פאר די קראנקע פון יודישען שפיטאל. נאך די אקציע איז געבליבען א דעפיציט פון 80 זלאט, וועלכע דער ה' קוראווער האט ארויסגעבארגט פריוואט, כדי נישט צו שטרייכען קיינעם פון די רעגיסטרירטע נויטבעדערפטיגע יודען אויף פסח.

גענאסען האבען פון דער פסח-אקציע פון ראדאמער-רעליעף אין ניו-יארק ביי 250 פאמיליעס.

א גענויער און אויספיהרליכער בעריכט פון דער פסח-שטיצע גייט באזונדער אוועק צום ראדאמער-רעליעף אין ניו-יארק.

סט. קוראווער, משה פוקס, מאטעל האכמאן, רחל פראמניצקא

Bank Udziałowy Spółdzielczy
Żeromskiego 9
Członek Związku Żyd. Kup. Stow. w Polsce

ערלעדיגט אינקאסעס אויף גאנץ
פוילען שנעל און פינקטליך.

אינקאסא - איינפלוסען זערען
אויסגעצאהלט דעמזעלבען טאג

ערטיילט ביליגען קרעדיט: הלוואות,
דיסקאנטא און אוואנסען אויף אינקאסעס

נעמט אן וקלאדען אויף
די בעסטע בעדינגונגען

Lustra
Szkła szifowane
niettłukące
poleca „Szyboszlif“ sp. z. o. o.
Radom, Żeromskiego № 20
Tel. 23 - 20

אלע יודען
טרינקען א גאנץ יאהר און בפרט יום - טוב
דעם **לוקסוס - טיי E. W. I. G.**
„RÓŻA CEJLOŃSKA”
— כשר לפסח —
אונזער ג. קונדען ווינשען מיר א פרעהליכען יום - טוב

Cukiernia Turecka
wł. **K. AŁTASZ**
Radom, Żeromskiego 9
Oddziały:
Traugutta 3 i Słowackiego 16
poleca:
smaczne pieczywo, wyśmienite ciastka
i specjały tureckie po cenach niskich
Przyjdź i przekonaj się!!!

Najlepsze, najmilsze i najtańsze
prezenty dla rodziny i przyjaciół
to
kuchenki, żelazka
grzejniki do rurek
poduszki i inne
Do nabycia na dogodnych warunkach w
Radomskim Towarzystwie
Elektrycznym Sp. Akc. w Radomiu
ul. Traugutta 53

כשר לפסח כשר לפסח
Ideal - Jawa
Najsmaczniejsza domieszka
do kawy z „dzwonkiem“

די מערדער פון מיכאַל גרינבערג פאַר'ן געריכט.

פעראורטיילט אויף 15 און 12 יאָהר תפיסה. — איינער פון זיי האָט געוואָלט זיין דער צווייטער מאַרושעטשקאַ.

ס'איז נישט לאַנג ווי ס'איז אויסגעפיהרט געוואָרען דער שוידערליכער מאָרד אויף די זשאַביע גאַס איבער דעם יודישען קליינהענדלער מיכאַל גרינבערג.

די געשיכטע פון מאָרד איז פאָלגענדע: דעם 18-טען יאַנואַר ד. י. זענען אין דעם קליינעם קאָלאָניאַל-געשעפט פון מאַכעל גרינבערג אַריינגעקומען צוויי יונגע קריסטען, וועלכע האָבען געהייסען דעם אייגענטימער און זיין פרוי אויפהויבען די הענד, און דראָהענדיג מיט אַ רעוואָלווער געפאָדערט געלד.

ווען די גרינבערגס האָבען געמאַכט אַ געוואָלד האָט איינער פון זיי אויסגעשאָסען צו גרינבערגען 2 מאָהל און איהם געטראָפען אין מויל אריין און די צווייטע קויל האָט דורכלעכערענדיק דעם ברוסט-קאַסטען בעשעדיקט דאָס הארץ. גרינבערג איז געפאַלען טויט. זיין פרוי פייגע איז שווער פערווינדעט געוואָרען אין איבערשטען קינבאַק.

די באַנדיטען זענען דאַן אַנטלאָפען און זענען אַוועק אין דאָרף בלאָניע נישט ווייט פון ראַדאָם, וואו זיי האָבען זיך אויסבעהאַלטען ביי אַ געוויסען וואַנשיק. מ'האָט זיי דאָרט עטליכע טעג שפּעטער פערהאַלטען און איינגעזעצט אין תפיסה אריין.

דאָס זענען געווען די צוויי יונגע בעקער-געזעלען: סטאַניסלאַוו סטושעכאַ און טאַדעאוש באַנאַשיק, פון וועלכע יעדער איינער איז קוים 17 יאָהר לאַט;

מיט עטליכע טעג צוריק איז סטאַניסלאַוו סטושעכאַ, טאַדעאוש באַנאַשיק, פעליקס וואַנשיק און סטאַניסלאַווא וואַנשיק געשטעלט געוואָרען פאַרן ראַדאָמער קרייז-געריכט. סטשעכאַ איז באַשולדיקט אין אויספיהרען דעם מאָרד, באַנאַשיק אין צורעדען צו אויספיהרען דעם מאָרד. די וואַנשיקס — אין אויסבעהאַלטען און געבען עסען די מערדער עטליכע טעג.

באַנאַשיק האָט אַ „רייכע" פערגאַנגענהייט. ער איז שוין 4 יאָהר אָבגעזעסען אין אויסבעסערונג'ס-הויז פאַר דערמאָרדען אין ראַדאָם די 5 יעהריגע פּיאָלובנאַ מיט אַ שטיין.

די 2 יונגע מערדער זענען זיך מודה. דערביי ערקלערט באַנאַשיק, אַז ער האָט זיצענדיג אין אויסבעסערונג'ס-הויז געהערט און געלעזען וועגען דעם „רוהם-פולען" באַנדיט מאַרושעטשקאַ און האָט בעשלאָסען נאָכ'ן בעקומען די פרייהייט צו ווערען זיין נאָכפאָלגער. די ערקלערונג האָט געמאַכט אַ רושם אויף די אַנוועזענדע אין זאַהל.

וואַנשיק איז זיך נישט מודה און ערקלערט, אַז ער האָט טאַקע צוגענומען צו זיך די יונגע חברה-לייט. ער האָט אָבער נישט געהאַט דעם קלענסטען פערדאַכט, אַז דאָס זענען מערדער. זיין סטאַניסלאַווא האָט איבערהויפּט נישט געוואוסט, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך אַפילו.

אַ רייהע עדות האָבען שטאַרק בעשולדיגט די ערשטע 3.

מיט אַ שטאַרקע בעשולדיגונג'ס-רעדע איז אַרויסגעטרעטען פּראָקוראָר קאָסטשעווסקי, וועלכער האָט געפאָדערט פאַר די יונגע 17-יעהריגע מערדער אייביגע תפיסה.

די אַדוואָקאַטען, געברידער זיגמונט און באַלעסלאַוו וואַשילעווסקי, האָבען פערטיידיגט די אָנגעקלאָגטע.

דער פּראָצעס האָט זיך געצויגען 2 טעג און דאַן האָט דאָס געריכט פעראורטיילט:

סטאַניסלאַוו סטושעכאַ אויף 12 יאָהר תפיסה און פערלירען די בירגערליכע רעכט אויף 10 יאָהר.

טאַדעאוש באַנאַשיק אויף 15 יאָהר תפיסה און פערלירען די בירגערליכע רעכט אויף 10 יאָהר.

פעליקס וואַנשיק אויף אַנדערטהאַלבען יאָהר תפיסה, סטאַניסלאַווא וואַנשיק איז צוליב מאַנגעל אין בעווייזען בעפרייט געוואָרען.

ר ײ ז ע ס
און אויספלוגען
קיין פּאַלעסטינע
דרום-אַמעריקאַ און אַנדערע לענדער מעבר=לים
מיט אַלע שיפ'ס ליניעס
FRANCOPOL WARSZAWA Mazowiecka 9
tel. 570 - 30

די הכנות צו די וואַהלען פון שטאָדט=ראַט.

ד"ר פאַסטמאַן וויל געבען 20 זל. מ'זאָל איהם נישט אָנהענגען קיין מאַנדאַט — ווער איז דער „דיקטאַטאָר" אויף דער יודישער גאַס, וואָס צווינגט-אויף מאַנדאַטען און מ'קאָן זיך נישט אויסקויפען?

אין לאָקאַל פון דער אידישער גמינע איז די טעג פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג וועגען שאַפען אַנ'איינהייטליכע ליסטע צו די וואַהלען פון שטאָט-ראַט.

עס עפענט די זיצונג דער איצטיגער פּרעזעס פון דער קהלה ה' זילבערבערג, וועלכער פערבעט אַלס פאָרזיצענדען דעם פאַבריקאַנט ראָזענבערג.

אויפ'ן טאָג-אָרדנונג שטעהען צוויי פונקטען: שאַפען אַ וואַהל-קאָמיסיע און פינאַנסען אויף די וואַהלען.

ווען ס'ווערט בעריהרט די פראַגע וועגען צו קאָאָפּטירען נאָך עטליכע פערזאָן צו דער פריהער געוועהלטע קאָמיסיע, שלאָגט פאָר דער ה' אַרנאָלד ראָזענפעלד צו קאָאָפּטירען דעם ד"ר שנעדעראָוויטש. זיין פאָרשלאָג שטיצט אונטער דער ה' שלמה כוואַט. ה' הענריק צימערמאַן איז געגען דעם פאָרשלאַג. ס'געהט אַוועק אַ ויכוח ווער עס רעפּרעזענטירט די יודישע פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ: צי ד"ר שנעדראָוויטש, צי ד"ר פאַסטמאַן. אין רעזולטאַט פון דער אָבשטימונג געהט אַרויס אַ „זיגער" דער ה' צימערמאַן און ד"ר שנעדערוויטש ווערט אָפיציעל נישט געוועהלט אין דער קאָמיסיע.

עס ווערען נאָכהער צוקאָאָפּטירט אַ רייהע פאָרשטעהער פון פערשידענע אָרגאַניזאַציעס, אַזוי, אַז די קאָמיסיע צעוואַקסט זיך אויף אַ צאָהל פון 16 מאַן.

דער פּרעזעס פון קליינהענדלער-פעראיין ה' רפאל האָלצקענער ערקלערט, אַז 90 פּראָצענט וועט זיין פעראיין צו-שטעהן צום בלאָק. יעדאָך קען ער נאָך נישט אָננעמען דעם מאַנדאַט אין דער וואַהל-קאָמיסיע, מחמת דער קליינהענדלער-פעראיין האָט אָפיציעל נאָך נישט בעטראַכט די פראַגע און ממילא נישט אָנגענומען קיין ענדגילטיגען בעשלוס אין דעם ענין.

אויף דער פערזאַמלונג האָט ד"ר פאַסטמאַן ערקלערט בקול רם, אַז ער גיט 20 זלאָטעס אויף אַ געוויסען פילאַנטראָפּישען צוועק, אַז מ'זאָל איהם נישט וועהלען, ווייל אַ ראַטמאַן צו זיין איז טאַקע אַ כבוד-זאַך, אָבער נישט אַנגענעם. פונדעסטוועגען איז אַ ביסעל אויפפאַלענד, וואָס ער האָט זיך דאָך געלאָזט אויסקלייבען אין דער וואַהל-קאָמיסיע, וואָס וועט אָנפיהרען מיט די וואַהלען. לויט אונז האָט נישט ער און נישט זיינע צוויי קאָלעגען - ראַטמענער בעדאַרפט מסכים זיין אָנצונעמען אַמטען אין דער וואַהל-קאָמיסיע, נישט וועקענדיג דערמיט דעם קלענסטען פערדאַכט אַפילו, אַז מען איז אויסען אייגענע מאַנדאַטען.

אויב די ראַטמענער-קאָלאַ איז געווען דער איניציאַטאָר פון רופען די צוויי פערזאַמלונגען — פערשטעהען מיר דאָס נאָך, ווייל פונקט ווי יעדע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון וועלכער ס'איז געזעלשאַפט, אָרגאַניזאַציע, פּאַרטיי, ווען די אַלטע פערוואַלטונג קומט צו געהן און זאָגט: מיר געהען אַוועק, וועהלט אייך אַ נייע לייטונג — האָט אויך געברויכט דאָס זעלבע טוהן די ראַטמענער-קאָלאַ און זאָגען: אונזער-קאַדענץ האָט זיך געענדיקט. מאַכט וואַהלען און קלייבט אַ נייע פאָרשטעהערשאַפט. ביז אַהער וואָלט אַלץ געווען אין בעסטער אָרדנונג און ס'וואָלט קיינער נישט געהאַט דאַגעגען. אַנדערש זעהט אָבער אויס, וואָס פון איין זייט מאַכט מען זיך אַוועקגעהן און פון דער צווייטער זייט בעווייזט מען זיך, ווידער און מ'קומט צוריק...

ס'פּאַסירען טאַקע אָפט פאַלען, וואָס די אַלטע פערוואַלטונגען ווערען ווידער געוועהלט אינגאַנצען, אָדער טיילווייז. אָבער מיט די אַלגעמיינע פערזאַמלונגען און מיט די וואַהלען פיהרען-אָן נייע מענשען. פאַרוואָס איז גראַד דער פאַל ראַטמענער אַנ'אויסנאַהם און ס'ווערט איינגעפיהרט אַ נייע טאַקטיק, אַז געוועזענע ראַטמענער קענען אָנפיהרען מיט'ן וואַהל-אַפּאַראַט?

לויט אונזער מיינונג האָבען די ה"ה משה ראַטענבערג, יונה זילבערבערג און ד"ר פאַסטמאַן נישט געברויכט אָננעמען די מאַנדאַטען אין דער נייער וואַהל-קאָמיסיע, נאָר זאָגען: רבותי, מיר האָבען געטוהן דאָס אונזעריגע, אייך גערופען און ערקלערט ווי ס'זעהט אויס די לאַגע און די רעשט טוט איהר. וועט איהר אונז וועהלען — ביטע זעהר, אונזער ראָליע איז אָבער דערווייל געענדיגט.

דאָס וואָלט פערשטאַנען געוואָרען פון די ברייטע וועהלער-קרייזען פאַר אַ געזעלשאַפטליכע און אָביעקטיווע האַנדלונג.

ווי זאָל מען אָבער פערשטעהן, ווען ד"ר פאַסטמאַן וויל געבען 20 זל. מ'זאָל איהם אַרויסלאָזען בכלל פון ראַטמענער-שאַפט און מיניה וביה פערגעסט ער און נעמט אָן אַנ'אַמט אין דער וואַהל-קאָמיסיע בעדיי אַלס פאָרשטעהער פון איצטיגען ראַטמענער-קאָלאַ לויטן פאָרשלאַג פון ה' יונה זילבערבערג? עס פרעגט זיך דאָך, ווי אַזוי קען מען זיין פערטרעטען אַלס אַזעלכער אין דער וואַהל-קאָמיסיע ווען די איצטיגע ראַטמענער-קאָלאַ הערט-אויף אויטאָמאַטיש צו עקזיסטירען מיט'ן מאָמענט, ווען מ'טרעט אַריין אין דער פאַזע פון נייע שטאָט-ראַט-וואַהלען?

ד"ר פאַסטמאַן האָט נישט דעמענטירט און נישט אָבגעפרעגט דעם פאָרשלאַג פון זיין קאָלעגע ה' זילבערבערג, נאָר עס אָנגענומען פאַר גלאַט-כשר.

די פייערליכע באַזאַר=ערעפנונג אין ראַדאָם.

די ענטגילטיגע הכנות צו דער ערעפנונג פון היי-יעהריגען יובל באַזאַר זענען שוין פערענדיקט געוואָרען. צוליב דעם צעהן יעהריגען יובל פון די באַזאַרען אין ראַדאָם (1929—1939) שיינט דער היינטיגער באַזאַר אויס צו זיין אימפּאָזאַנטער ווי יעדעס יאָהר.

ווי באַוואוסט וועט צו דער ערעפנונג קומען דער ח. דר. משה קליינבוים, וועלכער האָט שוין פון פריער פערשפּראָכען אַנטייל צו נעמען אין דעם ציוניסטישען יום-טוב.

הויפּטזעכליך איז דאָס יאָהר געלייגט אַכט אויף דעם אויסערליכען אויסזעהן פון באַזאַר. דער חבר מרדכי פון אָרטיגען קיבוץ „בחזית" — אַ באַקאַנטער דעקאָראַטאָר האָט לויט פון פאַראויס באַשטימטע פּלענער — צוגעגרייט די דעקאָראַציעס און קיאָסקען.

ספּעציעל אימפּאָזאַנט שיינט צו זיין די דעקאָראַציע צום באַל „את-לחם" וועלכע קומט פאַר דינסטאָג מוצאי פּסח תיכף נאָך דער פייערליכע ערעפנונג.

אויף מיטוואָך האָבען אַלע ציוניסטישע יוגענט-גרופּירונגען צוגעגרייט אַ געמיינזאַמען אימפּאָזאַנטען אָוונט, אין וועלכען ס'באַטייליגען זיך דראַמאַטישע קרעפטען פון די אַלע יוגענט אָרגאַניזאַציע ווי: מסדה, עקיבא, השומר-הצעיר און יונג-וויזאָ.

דער בופעט געפינט זיך ווי יעדעס יאָהר אונטער די לייטונג פון דעם פרויען-קרייז „וויזאָ".

די פאַנטען-לאָטעריע איז פאַרזעהן מיט איבער 50 עקספּאָנאַטען, וועלכע ס'האָבען צוגעשיקט הן ראַדאָמער אָדער אַנדערע פירמעס.

פון גאָרנישט — אַ מיליאַרד.

די פּרוכט פון 20 יאָהר אַרבייט.

אין 20-טען יאָהר פון איהר אַרבייט אין געביט פון אינערליכער קאַפּיטאַליזאַציע איז פּ. ק. אָ. דער בעסטער ביישפּיל, וואָס מ'קען אַלץ אויפטוהן מיט אויסדויערענדער און קאָנסעקווענטער אַרבייט. אַ דאַנק דער דאָזיגער אַרבייט האָט פּ. ק. אָ. צונויפגעזאַמעלט אַ קאַפּיטאַל פון העכער אַ מיליאַרד זל. און איינגעוואָוינט דעם כלל צו שפּאָרען. אַזוי, אַז היינט איז שוין יעדער צעהנטער בירגער דער בעזיצער פון אַנ'אָבשפּאַר-ביכעל. אין משך פון די 20 יאָר האָט פּ. ק. אָ. איהר לאָקאַל געביטען — פון אַ ביוראָ פון עטליכע צימערען אויף 45 גרויסע בנינים אין ווערט פון 51 מיליאָן זל.

פון קליינע אָבשפּאָרונגען, פון איינציגע גילדען אָבגעלעגטע פון בעשיידענע אַרבייטער-שכירות, פון פּענסיעס פון גייסטיגע אַרבייטער — האָט זיך צונויפגעלעגט אַ ריזיגער קאַפּיטאַל פון העכער אַ מיליאַרד זל. צווישען די דריטהאַלבען מיליאָן אָבשפּאָרער בעשטעהען 43 פּראָצ. — אַלזאָ קרוב אַ העלפט — פון אַרבייטס-מענשען.

אין משך פון די צוואַנציג יאָהר פון איהר עקזיסטענץ האָט פּ. ק. אָ. בעקומען דעם כאַראַקטער פון אַ נאַציאָנאַלן אוצר. גלייכצייטיג איז זי געוואָרען אַ מין אַלגעמיינע שול פון אייגענער באַלעבאַטישקייט, וואָס לערנט טאָג איין די תורה פון אָבלעגען אַ גראָשען צו אַ גראָשען. פאַרן ווירטשאַפטליכען לעבען פון פּוילען איז פּ. ק. אָ. נישט בלויז אַ שפּייכלער — זי איז אויך די וויכטיגסטע אַרטעריע פון געלד-אומלויף. אַ דאַנק דער מאָדערנער אַרבייטס-אָרגאַניזאַציע קען זיך אין דער פּ. ק. אָ.-צענטראַלע קאָנצענטרירען יעהרליך אַנ' אומזאַץ אויף דער קאָפּ-שווינדלענדער סומע פון לערך 40 מיליאַרד זל. און וואָס עס איז דאָס וויכטיגסטע, — דריי פיערטעל פון דעם דאָזיגען אומזאַץ קומט פאַר אָהן מזומנים.

20 יאָהר ענטוויקלונג פון פּ. ק. אָ. איז דער שיער נישט אומגלויבליכער איבערגאַנג פון גאָרנישט, פון נול צו דער צונויפזאַמלונג פון אַ דריטעל פון פון אַלע געלד-דעפּאָזיטען אין פּוילען. פּ. ק. אָ. האַלט זיך דערביי אָן פּרינציפּ: גאַראַנטירען די אָבשפּאָר-דעפּאָזיטען די מעגליך גרעסטע זיכערקייט פון איין זייט, פון דער אַנדערער ווידער — ווי צים בעסטען אויסצונוצען די דאָזיגע דעפּאָזיטען פאַר דער ווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג פון לאַנד.

דער סכסוך אַרום דער רבנישער פּענסיע.

די פריהעריגע גמינע אונטער דער לייטונג פון ה' דען האָט אין נייעם בודזשעט פון יאָהר 1939 איינגעשטעלט אַ גרעסערע פּאָזיציע פאַר דער פּענסיע פון הרב קעסטענבערג. ה' דען האָט נעמליך געהעכערט די פּענסיע פון 600 אויף 800 זל. אַ חודש. ווען דער בודזשעט איז אַוועק אין דער סטאַראָסטווא, האָט מען געהערט, אַז דער ה' סטאַראָסטאַ זאָל האָבען געשטראָכען די הוספה, צוריקשטעלענדיג די גרויס פון דער פּענסיע ווי פריהער — 600 זל. אַ מאָנאַט.

די פריהעריגע גמינע האָט געגען דעם דערלאַנגט אַ רעקורס אין דער וואָיעוואָדסטוואָ, אין וועלכען זי האָט געבעטען צו בעשטעטיגען איהר הוספה, אָנגעבענדיג אַלס מאָטיוו דעם פאַקט וואָס רבנים פון אַנדערע שטעדט בעקומען זייערע געהאַלטען אין דער זעלבער גרויס און אַ טייל פון זיי גיבען די רבנים זאָגאַר נאָך גרעסערע פּענסיעס.

פאַראַכטאָגען שבת זענען גערופען געוואָרען אין דער סטאַראָסטווא דער רב קעסטענבערג און דער פּרעזעס פון דער איצטיגער גמינע ה' זילבערבערג די איינלאַדונג ווייערע איז געשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רבנישער פּענסיע. דער ה' סטאַראָסטאַ האָט ערקלערט, אַז ער האַלט פאַר ריכטיג די הוספה, וואָס די געוועזענע גמינע האָט בעשטימט פאַר'ן רב קעסטענבערג, ווייל אויך אין אַנדערע שטעדט בעקומען די רבנים עהנליכע פּענסיעס. דערויף האָט ה' זילבערבערג געענטפערט, אַז ער איז געגען דער העכערונג, ווייל דערמיט ווערט די גמינע נאָך מעהר בעלאַסטעט אין איהר אַזוי אויך שווערע לאַגע. דער קריטישער פינאַנסיעלער מצב פון דער גמינע צווינגט איהם צו רעדוצירען די פּענסיעס פון אַלע בעאַמטע און ער קען דערום נישט מסכים זיין אויף אַנ'הוספה פון קנאַפּע 3000 זלאָטעס אַ יאָהר.

שבת-צונאַכטס האָט ה' זילבערבערג גערופען אַ זיצונג פון דער פערוואַלטונג מיט דער בעטייליגונג פון הרב קעסטענבערג צו וועמען די נייע דאָזאָרעס האָבען אַפּעלירט, אַז ער זאָל זיך אָבזאָגען פון דער הוספה, נעמענדיג אין אַכט, וואָס די גמינע איז מאַטעריעל רואינירט.

די דאָזאָרעס יונה זילבערבערג, משה רובינשטיין און איטשעלע זילבערשטרום האָבען אַרויסגערוקט פאָלגענדע פאָרשלאָגען: 1) שליסען מיט'ן רב קעסטענבערג אַנ'אָבמאַך אויף דריי יאָהר צו צאָהלען איהם פּענסיע 7200 זל. יעהרליך. ד"ה אין משך פון די דריי יאָהר זאָל ער מוותר זיין אויף דער הוספה; 2) וואַרטען מיט דער הוספה ביז דער נייער געוועהלטער קהלה-ראַט מיט דער פערוואַלטונג וועט זיך צונויפקומען און אָנהאַלטען זייער ערשטע זיצונג. 3) געהן אויף אַ קאָמפּראָמיס וואָס אַנבעלאַנגט דער הוספה.

הרב קעסטענבערג האָט אַלע דריי פאָרשלאָגען נישט אָנגענומען און פערלאָזט די זיצונג אַלס פּראָטעסט וואָס די הוספה פון זיין פּענסיע איז בכלל קוועסטיאָנירט געוואָרען.

ביז היינט האט ראדאם געצייכענט 300 טויזענט זל. אויף דער מלוכה-הלוואה

אין דער סובסקריפציע פון דער מלוכה-הלוואה פאַר לופט-פערטיידיגונג נעמט אַן אַנטייל די גאַנצע היגע געזעלשאַפט. די אַלגעמיינע סומע, וועלכע איז דעקלאַרירט געוואָרען אויף דעם אַזוי וויכטיגען פּאַטריאַטישען צוועק, בעטרעפט ביז היינט ביי קרוב 300 טויזענט זלאָטעס.

פון די יודישע פירמעס אין ראַדאָם האָבען שוין סובסקריבירט:

מ. קראַמאַלאָווסקי און זיהן 10 טויזענד זלאָטעס; די אַרבייטער פון דער זעלבער פירמע אויך 10 טויזענד זל; „י. מ. לעסלאַו און זיהן" 5 טזיזענד זל; די אַרבייטער פון דער זעלבער פירמע — 2 טויזענד זל; גאַרבעריי-פאַבריק פון שמערל קאָרמאַן טויזענד זל; גוטמאַן. פייגענבוים, קשענסקי — 500 זל; די צעגעלניאַ פון וואָלף ראָזענבוים טויזענד זל; גאַרבעריי „געלבראַס" 500 זל. ריכטער יוזעף בעקערמאַן — 250 זל; די פאַבריק פון מ. הורוויטש עט קאָמפּ. 1500 זל; מענדל מאַלץ. אַניאַרבייטער פון דער פירמע טאַן-באָקס – 20 זל;

אויף פאַן האָבען געגעבען: די גאַרבעריי „לודאָוויקאַ" פון מאַטיאַס הענדלער און קאָמפּ. דריי-מאַשין-נעוועהר; ריכטער יוזעף בעקערמאַן א גאָלדען פינגערל, די שילער פון גימנאַזיע „פשיאַטשול וויעדזי", 200 זל. י. הערשענהאָרן (12-יעהריגער שילער) פון אַלטע-שטאָט 19 — 1 רובל מיט 45 קאָפּיקעס און א דייטשען מאַרק, אין זילבער.

• • •

עהרענעכטען פרייטאַג האָבען אַרויסגעלאָזט צוויי בעזונדערע אויפרופען די גמינע און הרב קעסטענבערג. אונטער דער גמינע'ס אויפרוף איז געווען אונטערגעשריבען דער פרעזעס יונה זילבערבערג.

אין ביידע אויפרופען איז געווען א ווענדונג צו דער יודישער בעפעלקערונג צו בעטייליגען זיך צאָהלרייך אין דער מלוכה-הלוואה פאַר לופט פערטיידיגונג.

מיט א פאָר טעג פריהער האָט אַנ׳עהנליכען אויפרוף אַרויסגעלאָזט דער יודישער קאָמבאַטאַנטען-פעראיין.

נעכטען שבת האָט הרב טייטעלבוים גערעדט ביים דאַוונען אין בית המדרש וועגען דער מלוכה-סובסקריפציע.

ראדאמער באהן-דירעקציע ווערט איבערגעטראגען

ווי פּאַט גיעט איבער, וועט אין די נאָהענטע טעג זיך אָנהויבען דאָס איבערטראָגען זיך פון די באַהן-דירעקציע פון ראַדאָם קיין כעלם.

נייע שאפערען-קורסען אין ראדאם.

לעצטענ'ס זענען אין ראַדאָם געגרינדעט געוואָרען נייע שאָפערען קורסען פון דעם בעקאַנטען פאַכמאַן, געוועזענעם קאָנטראָלער פון וועג-פערקעהר פון דער קעלצער וואָיעוואודשאַפט, אינזשיניער סופּראַנאָוויטש.

אינזש. סופּראַנאָוויטש איז א בעקאַנטער פאַכמאַן, וועלכער לערענט אויס זיין שאָפער פון סאַמאָכאָדען און מאָטאָציקלען און גרייט צו בעקומען אויך אַ רויטע שאָפערען קאַרטע.

היינט, ווען עס איז שווער צו פערדינען אויף פרנסה, איז איינ'ס פון די בעסטע פאַכען דאָס שאָפעריי.

די לעהרע ווערט געפיהרט סאָליד און ביליג אויף די נייעסטע מאָדעלען אויטאָס. ביי די קורסען זענען אויך פערהאַנען ספּעציעלע געווערקן אונטער דער פאַכמענישער לייטונג פון ה׳ סטישינסקי.

ווילט איהר האָבען אַ גוט פאַך, פערדינען געלד, געהט לערנען זיך אויף די שאָפערען-קורסען פון אינזש. סופּראַנאָוויטש ראַדאָם קאַשאַראָווע 3.

KINO APOLLO

פון זונטאג דעם 9 ה. מ.
גרויסער יום-טוב פראגראם
א פילם מיט טיפע איבערלעבענישען
א. נ.
BITWA nad MARNĄ
אין די הויפט - ראָל
ראימו און אַלבערט באססערמאַן

KINO APOLLO

גרויסער פריהמארגען פראגראַם
זונטאָג
מאָנטאָג
שענער פוילישער פילם
א. נ.
Doktór Murek
אין די הויפט-ראָלען:
בראָדניעוויטש, ווילטשובנאַ אַנדזשעיעווסקאַ,
נאַרא נעי, בעניטאַ, ל. וויסאָצקא צוויקלינסקאַ,
סטענפּאָווסקי, זעלעווראָוויטש און אַ נ ד.

ZAKŁAD OGRODNICZY
«FLORA»
Radom
Żeromskiego 42
poleca
kwiaty cięte i doniczkowe
po cenach najniższych
Przesadzanie
kwiatów i roślin

וואו און ווי אזוי
צו געבען צו וואַשען, פאַרבען, רייניגען פוטערס, לעדער, שיך און וועש?
מאדערנע מעכאניזירטע אַנשטאלטען
פון דער כעמישע פארבעריי און פראלניע
פון פוטערים, לעדער'ס, שיך-ווארג
און וועש
A. HEMPEL
אין ראדאם טעל. 19-70
צענטראַלע אויף דער אַלטער שטאָדט 7
פיליע נומער I זשעראָמסקי נום. 1
" II " " 21
" III " " 59
" IV טראַוגוטטאַ " 11
פיליע נום. V סקאַרזשיסק סטאַשיצאַ נום. 10
לייטער פון דער טעכנישער אָבטיילונג
ALFRED HEMPEL
פיהרט אויס פאַכמעניש און סאליד
דויערענדע פאַרבען פון דאַמען און מענער - גאַרדעראָבע,
וואָל, ביינוואָל, פוטערס, לעדער, לעדערנע גאַרדעראָבעס
לאַטשען, פעדערען, זאָקען, לייוועַנט, פילס א, ד. גל.
די איינציגע אין קעלצער וואָיעוו. פירמע, וואָס פירט אויס
כעמיש-טריקען דאָס רייניגען פון
דאַמען און מענער - גאַרדעראָב, פוטער, דיוואַנעס
ווי אויך דאָס אויפפרישן פון מאַנטלען און פאַלטענס
ספּעציעלע וועש - אָבטיילונג:
צו וואַשן העמדער, קעלנער, מאַנזשעטען, פויערהאַנגען
א.. ד. גל. ווערט אויסגעפיהרט אָהן צומישונג פון
פלאַרק, און אָהן צומישונגען, וועלכע זענען שעדליך
פאַר דער וועש, מיט אַ שענעם זילבערנעם גלאַנץ.
פערזיכערט די ג. קליענטעלע אַז:
1) עס ווערט אויסגעהיטען פאַר שאָדען, פערפיהרונג
2) עס דעפאָרמירט נישט דעם שניט פון אַנצוג
3) פערהיט פון פערלירען די נאַטירליכע פאַרבען
4) פערהיט פון איינלויפען מאַטעריאַל
5) פערהיט פון פערלירען דעם גלאַנץ און די עלאַסטישקייט
6) עס ווערט דערהאַלטען דער פאַסאָן
7) פרישט - אויף די קאָלירען.
8) דערהאַלט די אַפּאַראַטור
9) פערהיט די פעדים און די געוועבען פון מאַטעריאַל
10) שטעלט צופרידען די פערלאַנגען פון היגיענע און גוטען געשמאַק.
די נייע טעכניק און די 20 יעהריגע רוטין, פאַכקענטניס פון דער לייטונג בעפולמעכטיגט די פירמע צו פערזיכערען די ג. קליענטעל, אַז די איר אַנפערטרויטע רעקאָמאַנדירונגען, ווערען אויסגעפיהרט סאָליד, פאַכמעניש און צו דער צייט, צו דער בעסטער צופרידענהייט פון דער קליענטעלע.
דער ברייטער פאַך-פערנעם, ווי אויך די ראַציאָנעלע רעאָרגאַניזאַציע גיבען די מעגליכקייט פון ביליגען, שנעלען און סקרופּועלע אויספיהרונג פון די עמפפעהלונגען פון די קליענטעל.
מיר בעטען העפליך צו שענקען
פולשטענדיגען צוטרוי אונזער פירמע
מיט אַכטונג:
Nowoczesne Zmechanizowane Zakłady
Farbiarnia i pralnia chemiczna
prania bielizny
A. HEMPEL

מיינע מצות דארפען שוין נישט קיין רעקלאַמע.
זיי זענען די זעלבע ווי פאַר יאָהרען
מען קאָן ביי מיר בעקומען מאַשינען מצות און אויך אויף דעם פערלאַנג קען מען בעקומען האַנד-אויסארבייטונג-מצות.
אין יעדען מיינעם געשעפט בעקומט מען די גוט בעקאַנטע מאַקאַראָנע!
און לעקעכער כשר לחג הפסח אונטער א שטרענגען הכשר הרב הגאון זלאַטניק
אהרן קאַלינסקי
ראַדאָם, נאָוואָגראַדסקאַ 8
אָבטיילונגען: זשעראָמסקיעגאָ (לובלינער) 11, טראַוגוטטאַ 45
און קילינסקיעגאָ 1

Wytw. Wyrobów Cukierniczych p. t.
„Americanka"
L. Wajsbrot
Rynek 16
בעקאַנטמאַכונג
איך מאַך בעקאַנט מיין ג. קליענטעליע, אַז אין מיינע פיליאַס, וואָס געפינען זיך אין רינעק 14 און טראַאוגוטטאַ 62,
קען מען בעקומען עכט-פסח'דיקע מאַקאַראָנען, טאָרטען, בישקאָפען, לעקעך, באַקאַליעס, און אַלע מינים פסח'דיקע געבעקצען און זיסוואַרג פון בעסטען קוואַליטעט.
ס'איז אויך צו בעקומען יום-טובדיגע שאָקאָלאַד, פרוכטען ווי אויך יום - טוב'דיגע ווײַנען פון די בעסטע סאָרטען און אויף צוגענגליכע פרייזען.
מיט אַכטונג
ל. ווייסבראָט.

גאלוואניזיר-אנשטאלט און מעכאנישע שלאפעריי
נעמט אָן צו שליפען פאָלגענדע מכשירים:
1) פריזירער-מכשירים: בושיטוועס, שערלעך און האָר - מאַשינקעס.
2) מעססערס, שערן, מאַשין-מעססערס און חלפים.
3) אַלערליי דענטיסטישע און כירורגישע מכשירים.
צו ניקלען טיילען פון:
ראָווערען, אויטאָבוסען און דאָקטאָרסקע מכשירים.
צו זילבערן:
לעפל, גאָפּל, מעסער, לייכטערס א. ד. גל.
צו פאַלירן:
פאַרשידענע מעטאַלן אויף הויכגלאַנץ.
סאָלידע בעהאַנדלונג!
גאַראַנטיע אויף הונדערט פּראָצענט
י. שטשערבאַצקי זשעראָמסקיעגאָ 21

Kino ADRIA
Od niedzieli dnia 9 kwietnia rb.
»ROMANSE CYGANSKIE«
W rol. gł. Brigida Helm i Józef Schildkraut
Film dozwolony od lat 12
Następny program
Film o ludziach morza p. t.
„ZAŁOGA NIEUSTRASZONYCH"
w rol. gł. Richard Greene, Nancy Kelly, Slim Sumerwille

Kino ADRIA
זונטאָג, מאָנטאָג, דינסטאָג
פריהמארגען - פילמען
„Chicago"
W rol. gł. Tyrone Power, Alice Faye, Don Ameche
Film dozwolony od lat 12

אבאָנאָמענטס פרייז:
פאַר אַ חודש אין פוילען זלאָט
אין פראַנקרייך, בעלגיען 4 פראַנק
אין אַנדערע לענדער 30 סענט.

TARYFA OGŁ.:
Na 1-szej stronie mm 1 szp. 40 gr
w tekscie mm 1 szp. 60 gr.
na ostatnie stron. mm 1 szp. 25 gr.
1-szaj ostatnia strona liczą 10 szpalt

Redaktor CH. M. HERC
tel. 15 - 18 טעל.
Wydawnictwo „Rademer Kielcer Leben" Szwarlikowska 20